כענקין איז ניט קיין אַקוואַרעל־מאָלער, ער זוכט ניט קיין האַלבע טענער פון שטימונגען. ער צייכנט מיט אַ ברייטער האַנט, מיט אויל־פאַרבן. ער נעמט און גיט אָפּ אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגע־שפּאַרט. דערין באַשטייט די זאַפטיקייט און רייכקייט פון זיין שפּילן.

וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש איז סיי אַן אַקטיאָר, סיי אַן אויס־געצייכנטער בירגער. דאָס געפיל פון סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם דעפינירט אַלץ אי אין זיין געזעלשאַפטלעכן, אי אין זיין שעפערישן לעבן. זיין געלעכטער איז אַ געווער אין אונדזער געמיינזאַמען קאַמף קעגן פיליסטעריזם, אין דעם קאַמף פאַר מאָראַלישער זוי־בערקייט און פאַרן גייסטיקן געזונט פון די סאָוויעטישע מענטשן״.

„טעאַטער ענציקלאָפּעדיע״ [אין רוסיש], מאָסקווע, פינפטער באַנד, 1967, זז. 602־601.

אפרים קאַגאַנאָווסקי — וויקטאָר כענקין, „ליטבל״, וואַרשע, נ׳ 36, 1926.

הענעך קאָן — וויקטאָר כענקין, דאָרט, נ׳ 23, 1931.

מאָררים מייער — „יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן״, לאָנדאָן, 1942, ז. 333.

שלוימע מיכאָעלס — „אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס״, בוענאָס איירעס, 1961, זז. 210־209.

## קאַפלער-לעמקאָוו [יעקב ?]

זיין ערשטער נאָמען זאָל זיין יעקב. לויט בערנאַרד פישמאַן איז ער געבוירן אין בוקאַרעסט, רומעניע. לויט יחיאל לאַנדוי איז ער געבוירן אין ענגלאַנד, נאָר די עלטערן האָבן זיך איבערגעטראָגן מיט אים קיין רומעניע, וווּ ער האָט באַקומען זיין דערציִונג. ער האָט גוט גערעדט **רוסיש**.

אויף דער יידישער בינע האָט ער זיך גערופן קאַפלער, אָבער אויף דער ענגלישער — לויט פערדינאַנד שטויב — איוואַן לעמ־קאָוו. לויט ב. פישמאַן האָט ער זיך אויף דער ענגלישער בינע גערופן דזשעק ריינהאַלץ און פלעגט שפּילן אינטריגאַנטן־ראָלן.

ק. האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, די טאָכטער פון אַ טעַ־אַטער־דירעקטאָר, און ווי יאָסל טשיזשיק גיט איבער, פלעגט ער ממש בעטלען צווישן די קריסטלעכע אַקטיאָרן. ער איז פולשטענ־דיק בלינד געוואָרן און געשטאָרבן אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד.

מ. ע. פון פערדינאַנד שטויב, יחיאל לאַנדוי, יאָסל טשיזשיק און בערנאַרד פישמאַן.

## קאַפעלמאַן, יאָסעף

געבוירן 1893 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ סטאָליאַר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, שפּעטער, אין דער היים, אַלס אויטאָדידאַקט, אַלגעמיינע בילדונג.

אין עלטער פון 12 יאָר זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט די ברידער אַדאָלף און הערמאַן פעניגשטיין, אין אַ קינדער־קאָלעקטיוו א״ר פון מאַרק מייערסאָן, דעביוטירנדיק אַלס „שדכן״ אין „הערצעלע מיוחס״. אין 1910 — פראָפעסיאָנעל גענומען שפּילן אין ראַפּעלס טרופּע אין „עליזעום״, פריער אַלס „דער נאַרישער חתן״ אין „דער יחסן״, דערנאָך „שמואל גאָלצעס״ און „די יידישע נשמה״ און די ראָל פון פאָטער אין „די גאָלדענע חתונה״. 1912 — מיטגעפאָרן מיט ראַפּעלס טרופּע קיין אָדעס, וווּ ער שפּילט „דעם פאַרמער״ אין „די אַמעריקאַנערין״, דעם „קעניג״ אין „פאַר 400 יאָר״, „אַל־וואַרעז״ אין „שבת קודש״ און „איציקל״ אין „די געצוווּנגענע חתונה״. צוליב פריזיוו אַריבער אין 1914 קיין פינסק אין שוואַרצ־באַרדס טרופּע און אַ קורצע צייט שפּעטער אָרגאַניזירט ק. אַ חברים־טרופּע מיטן אָנטייל פון משה זילבערקאַסטן און שרה פיביך, וואָס פאַראייניקט זיך דערנאָך מיטן קאָלעקטיוו א״א פון שטאָקמעדער און מיאַדאָווניק, וועלכע מאַכט אַ טורנעע איבער די שטעט פון אוראַל און סיביר.

אין דער פעברואַר־רעוואָלוציע ווערט ק. פאַרבעטן קיין כאַרקאָוו צו ליפּאָווסקין, אָבער אויפן וועג באַגעגנט ער די חברים־טרופּע מיט מנחם רובין און מישע אַפּעלבוים אין דער שפּיץ און טרעט דאָרט אַריין. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווערט ק. פאַרבעטן אין דער טרופּע אונטער דער דירעקציע פון סעגאַל־ליכטמאַן קיין פינסק און שפּילט דאָרט א״ר פון אַברהם טייטעלבוים די ראָל „מאַקס״ אין „פּראָוואָקאַטאָר״ און „אוריאל מזיק״ אין „גאָט, מענטש און טייוול״. ווערנדיק אַרויסגעטריבן פון מינסק, אָרגאַניזירט ק. אַ חברים־טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אום איבער אוקראַינע.

ווען דעניקינס ווייסע גוואַרדיע פאַרכאַפּט יעקאַטערינאָסלאָוו, פאָרט ק. מיטן קאָלעקטיוו קיין גרוזיע, וווּ זיי שפּילן אין די גרע־סערע צענטערס, אָבער אַ יאָר שפּעטער קערט ער זיך צוריק קיין אוקראַינע.

אין 1923 אָרגאַניזירט דאָרט ק. אַ נייעם קאָלעקטיוו א׳ג פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און שפּילט די הויפּטראָלן אין די פיעסן: „טוביה דער מילכיקער״, „מאָטקע גנב״, „די רויבער״, „קרייצער סאָנאַטע״, „סאַפאָ״, „דער פרעמדער״.

אין 1929 טרעט ק. אַריין אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה טעאַטער פון אוקראַינע און אין 1932 איז ער איינער פון די טיכ־טיקסטע גרינדער פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין באַקו. אין 1939 גייט ק. איבער אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 1941, בעת דער סאָוויעטיש־נאַצישער מלחמה גייט ק. צייטווייליק איבער צו דער רוסישער בינע, אָבער נאָך דער מלחמה טרעט ער אַריין אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער א׳ג פון שלום־עליכם.

ש. ע. פון יהושע ליובאָמירסקי.

## קאַפעלמאַן, סאָניע [יאָפע]

געבוירן 1903 אין טשערקאַס, קיעווער גוב., אוקראַינע.

פאָטער — אַן אַרבעטער. אין 1910 אַריבער מיט דער פאַמי־ליע קיין יעקאַטערינאָסלאָוו, וווּ זי האָט באַקומען איר אויסביל־דונג. אין 1916 אַריין אַרבעטן אין אַ קאַרטאָן־פאַבריק און גלייכ־צייטיק באַזוכט אָוונט־קורסן. אין 1918 געוואָרן אַ מיטגליד אין אַן אָרטיקן יידישן דראַמקרייז, וווּ זי ווערט באַלד זייער אַקטיוו. אין 1920 אַריינגעטראָטן אין אַ פראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו מיט וועלכן זי איז געפאָרן קיין באַקו, וווּ זי שפּילט צוויי יאָר און פאָרט דערנאָך מיט דעם קאָלעקטיוו קיין מאָסקווע, וווּ זי שפּילט ביז 1923.

ביז 1929 איז ק. טעטיק אין אַ יידישן באַוועגלעכן טעאַטער־קאָלעקטיוו אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און צום סוף יאָר ווערט זי אַריינגענומען אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה־טעאַטער פון אוקראַינע, וווּ זי שפּילט ביז 1932. אין 1933 שליסט זי זיך אָן אין אָרגאַניזירן אַ יידיש אַרבעטער־טעאַטער אין באַקו, וווּ זי שפּילט 7 יאָר. דאָ ווערט זי די פירנדיקע אַקטריסע אין דעם אַנסאַמבל, און פאַרקערפּערט די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן, צווישן אַנדערע „לאַורענסיע״ אין לאָפּע דע וועגאָס „שעפסנ־קוואַל״, „יהודית״ אין „אוריאל אַקאָסטאַ״, „אַמאַליע״ (שילערס

„רויבער"), „אביגיל" („שולמית" פון גאָלדפאַדן), „רחלע" (אין שלום עליכמס „סטעמפעניו"), „אַננאַ באָגדאַנאָוויטש" (דאַניעלס „יוליס"), „הדסה" (מאַרקישעס „כל נדרי"), „די משוגענע" (רעזניקס „רעקרוטן"), „רבקה" („די שוועסטער" פון פרץ), „רייזל" („בלאָנדזשענדע שטערן" פון שלום־עליכם) און „אַלענאַ" (קראָפּיווניצקיס „די שפּין"). אָבער ניט ווייניקער האָט זי זיך אויסגעצייכנט אין די ראָלן „עטי מעני" (שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס"), „סיראַנדאַלינע" (גאָלדאָניס „די ווירטין פון האָטעל"), „מירעלע אפרת", „קרוטשינינאַ" (אָסטראָווסקיס „אָן שולד שולדיקע"), „פּאַניטשקע" („מענטשן" פון שלום־עליכם), „שרה" (שלום עליכמס „דער בלוטיקער שפּאַס") און „סאָניע" אין „הירש לעקערט".

אין 1940 איז ק. אַריבער אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער, ווו זי שפּילט די הויפּט ראָלן ביז דער סאָוויעטיש־נאַציישער מלחמה. איר איינציקער זון גייט אַוועק אויפן פראָנט און זי עוואַקווירט זיך מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן קיין טאַשקענט, ווו זי טרעט אויף אַלס פאַרלייענערין אין דער אָרטיקער פילהאַרמאָניע. זי טרעט אויך אויף אין טאַדזשיקיסטאַן און קירגיזיע.

סוף 1942 אָפּגעשיקט קיין סאַמאַרקאַנד, ווו זי אַרבעט אין כאַרקאָווער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 1944 אַריבערגעפירט קיין קאָקאַנד, ווו זי שפּילט אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

פאַר איר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז ק. באַלוינט געוואָרן מיט 5 ערן־אויסצייכענונגען.

ש. ע. פון יהושע ליובאָמירסקי.

## בערענזאָן, מ.

געקומען פון דעמאָלטיקן פאַלעסטינע קיין פּערט, די הויפּטשטאָט פון מערב־אויסטראַליע האָט ער אין משך פון 1913 ביז 1928 אויפגעפירט מיט אָרטיקע אַמאַטאָרן די פּ עסן: „דער תלמיד חכם", „דער יידישער גלח", „קוני לעמעל", „דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל", „יאָסעלע מילנער", „חיים פון אַמעריקע", „קראַפּט פון ליבע", „שרה שיינדל", „דער אומבאַקאַנטער", „דבורהלע מיוחסת", „מירעלע אפרת", „יידישער קעניג ליר", „דאָס יידישע האַרץ", „די שפּין", „אַבאַלע אשכנזי", „טאַטע־מאַמעס צרות", „דער שטן אין גן־עדן", „שולמית" „עקדת יצחק", „כל נדרי", „חפני און פנחס", „דאָס פּינטעלע ייד", „ליבע און ליידנשאַפט", „די נשמה פון מיין פאָלק", „געברידער לוריע", „דער טיגער", „שבת קודש", „באָבע קודש", „באָבע יאַכנע", „ווו זיינען מיינע קינדער"?, „צו שפּעט", „די פאַרגעסענע מאַמע", „משה חייט", „זיין ווייבס מאַן", „דער פרעמדער", „הערצעלע מיוחס" „מישקע און מאָשקע", „אַ מענטש זאָל מען זיין", „געלט, ליבע און שאַנדע" און „דאָס מיידל פון דער וועסט".

די אַמאַטאָרן־גרופּע מיט וועלכער מר. בערענסאָן האָט אָנגעפירט, האָט אַ צייט־לאַנג געהאַט אַ פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַנען פון ראַביי פרידמאַן און מר. מייזל, וועלכע האָבן דער טעאַטערגרופּע אַ סך מיטגעהאָלפן. זומער־צייט איז אין פּערט כמעט ניט געשפּילט געוואָרן, נאָר אין משך פון די פאַרבליבענע 9־8 חדשים זיינען געגעבן געוואָרן דריי אויפפירונגען, וואָס זיינען מערסטנס געווען פאַר וווילטעטיקע צוועקן.

די נייע אימיגראַציע־כוואַליע קיין אויסטראַליע אין די יאָרן 1928־30 האָט אַ ביסל פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב אין פּערט, און אַ טייל נייע אימיגראַנטן, ניט זייענדיק צופרידן פון עקזיסטירנדיקן אַמאַטאָרן־קרייז האָבן געגרינדעט נאָך אַן אַמאַטאָרן קרייז, וואָס האָט אויפגעפירט „דער בלינדער מאָלער" און „די יידישע אַננאַ קאַרענינאַ"", דערויף האָבן זיך ביידע אַמאַטאָרן־גרופּן פאַראייניקט א׳נ „יידיש־העברעישע בימה, פּערט" און אויפגעפירט „קוני לעמעל", „דאָס יידישע האַרץ", „מישקע און מאָשקע", „דער אומבאַקאַנטער", „כל נדרי" און „סעמקע אין אַמעריקע". נאָכדעם איז די גרופּע זיך ווידער צעפאַלן און די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן געגרינדעט אַ נייע גרופּע א׳נ „פאַראייניקטע דראַמאַטישע קאָמפּאַניע" און אויפגעפירט „כאַסיע די יתומה", „זשידאָווקאַ", „שלמהקע און ריקל" „שבת קודש", „די שחיטה", „מיס האָפּליאַ", „דער בלינדער מאָלער", „ציפּקע פייער" און „דער ווילדער מענטש". אַ דאַנק די באַמיונגען פון מר. ברעקלער און רעווערענד גראַכאָווסקי זיינען ביידע גרופּן ווידער פאַראייניקט געוואָרן און האָבן אויפגעפירט „די נקמה פון אַ ברודער", „אַ מענטש זאָל מען זיין" און „דאָראַ", אויך אַ ריי איינאַקטערס און קאָנצערט־אָוונטן פון רעציטאַציעס, געזאַנג און בילדער.

אויסער בערענסאָן אַלס רעזשיסער דאַרף מען אויך דערמאָנען אַלס רעזשיסערן מר. טוי און אין מוזיקאַלישן טייל רעווערענד גראַכאָווסקי.

די אַקטיווסטע מיטגלידער זיינען געווען: די פרויען — בערענסאָן, גאָטליב און מעקיי און די מענער — בערענסאָן, טוי, בלאַנק, עפּשטיין און גראַכאָווסקי.

אויף זיין צוריקפאָר פון בראַזיל קיין אויסטראַליע האָט זיך דער אַקטיאָר יעקב ווייסליץ אָפּגעשטעלט אין 1940 אין פּערט און געגעבן צוויי וואָרט־קאָנצערטן און אויפגעפירט מיטן קרייז שלום עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט".

היים ראָזענשטיין — יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע, „צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך", מעלבורן, 1942, זז. 326־324.

## ביעלאָגלאָווסקי, חיים
### [דוד בעלקין]

[געב. בערך 1855 — געש. 1908]

געבוירן בערך 1855 אין כאָדערקאָוו, קיעווער גובערניע, אוקראַינע, אין אַ חסידיש סוחרישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין שול. צו 11 יאָר אַוועק פון דער היים, זיך גענומען צו פאַרשיידענע אַרבעטן, וועלכע האָבן אים אָבער ניט באַפרידיקט און, באַזיצנדיק אַ שיינע שטים, טרעט ער אַריין אין כאר פון אַ רוסישער אָפּערעטע.

אין עלטער פון 16 יאָר אָנגעהויבן ארויסטרעטן ווי אַ רוסישער קופּלעטיסט־הומאָריסט, דאָסזעלבע שפּעטער אויף יידיש אין פאַרשיידענע וואַריעטע־טעאַטערס איבער רוסלאַנד. מיט אַ צייט שפּעטער אָנגעקומען אויף דער יידישער בינע אַלס קאָמיקער.

כיענאַ בראַגינסקאַ גיט איבער, אַז זי האָט אים געטראָפן אויפטרעטן אין אַ קוואַרטעט מיט נאָך ייִנגעלייט, האָט זי אים אַריינגענומען אין קיעוו אין איר (פּישזאַנס) יידישער טרופּע, ווו ער האָט דעביוטירט אַלס „לוט" אין „עקדת יצחק" און געווען אין דער טרופּע 8 יאָר, דערנאָך אַוועק אין אַנדערע קלענערע טרופּעס.

[ס. קרויזע גיט איבער, אַז סעם אַדלער האָט אים געהערט אין קיעוו זינגען אויף רוסיש יידיש־רוסישע קופּלעטן, האָט ער אים